

מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספריו וכתביו הק'
ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

פרשת נח תשפ"ד | גליון פו

## מוסר חיים לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### נח האט זיך געהאלטן בענוה קעגן די מענטשן פון זיין דור

אויפן פסוק (ו, ט) "**נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו**", טייטשט דער רבי, לויט ווי רש"י זאגט אין מסכת ע"ז (דף ו.) אז "**תמים בדרכיו**" מיינט "**עניו ושפל רוח**" - דאס הייסט איינער וואס האלט זיך קליין און נידעריג. איז די זעלבע זאך דא, "**תמים היה בדורותיו**" מיינט אז נח האט זיך קליין געהאלטן קעגן די מענטשן פון זיין דור, און ער האט זיך געפירט מיט יעדעם בענוה ושפלות הרוח.

לייגט צו דער רבי, אז דאס האט ער געטון לפנים משורת הדין, ווייל אינ'אמת'ן שטייט דאך אין תהלים (יח, כו-כז) "**עִם חָסִיד תִּתְחַסָּד עִם תְּמִים תִּתַּמָּם... עִם עִקֵּשׁ תִּתְפַּתָּל**" אז מיט גלייכע מענטשן דארף מען זיך פירן גלייך און מיט קרומע דארף מען זיך אומגיין לויט זייער נוסח, און אין נח'ס דור זענען דאך אלע געווען שווינדלערס און גזלנים וכדו', אבער אפילו אזוי האט זיך נח געפירט מיט זיי בתמימות און בענוה, ביז אלע מענטשן פון זיין דור האבן אים אנערקענט אלס אן עניו.

לויט דעם איז דער **חקל יצחק** מספינקא זצוק"ל מסביר, אז וועגן דעם האט נח נישט מוכיח געווען די מענטשן פון זיין דור אויף זייערע שענדליכע מעשים, ווייל ער האט זיך געהאלטן נידעריג אפילו קעגן די רשעים, און ער האט זיך נישט געפילט פאסיג זיי צו פארהאלטן מיט שטרענגע שטראף רייד, טראכטנדיג בגודל ענותנותו אז ווי געמיין זיי זענען איז ער אבער ערגער פון זיי, און "**קְשׁוֹט עַצְמְךָ וְאַחַר כַּךְ קְשׁוֹט אֲחֵרִים**" - אזוי ווי די דרך הצדיקים איז כידוע. און אפילו ווען ער האט זיי יא מוסר געזאגט, האט ער מחמת גודל ענותנותו זיי נישט גע'רודפ'ט בחוזק יד אזוי ווי ס'פארלאנגט זיך קעגן די רשעים.

נאך מער פון דעם זאגט דער **בית ישראל** מגור זצוק"ל בשם זיין טאטע דער **שפת אמת** זצוק"ל אז נח האט זיך אזוי קליין געהאלטן ביז ער האט זיך געהאלטן נישט חשוב'ער ווי א חיה און בהמה. און מיט דעם טייטשט ער די פסוק (ח, א) "**וַיִּזְכֹּר אֱלֹקִים אֶת נֹחַ וְאֵת כָּל הַחַיָּה וְאֶת כָּל הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר אִתּוֹ**" אז דער אויבערשטער האט געדענקט נח לטובה בזכות דעם וואס ער האט זיך געהאלטן מיט אזא ענוה ושפלות הרוח אז ער איז גארנישט חשוב'ער פון א חיה אדער א בהמה.

אבער לכאורה איז שווער צו פארשטיין, וויאזוי האט נח דער צדיק געהאלטן אז ער איז ערגער פון זיין דור ווען ער האט דאך געזען אז אלע זענען רשעים גמורים?! קען מען דאס מסביר זיין לויט ווי דער **מאור ושמש** זאגט, אז נח האט געהאלטן אז ער איז שולדיג אז זיין דור פאלט אזוי נידעריג, ווייל אויב ער וואלט געווען ערליכער וואלט עס זיכער משפיע געווען לטובה אויף אלע מענטשן ארום. ממילא ווי מער זיין דור איז געפאלן, האט ער זיך אלץ מער און מער געשטארקט מיט זיין צידקות.

מיט דעם טייטשט דער מאור ושמש "**אלה תולדות נח**" אז ווי באקאנט איז דאס ווארט "**אלה**" פוסל את הראשונים, נח האט יעדן טאג גע'פסל'ט זיינע מעשים אז ס'איז נישט ווי ס'דארף צו זיין, פארוואס? ווייל "**תמים היה בדורותיו**" ער האט צוגעקוקט ווי געמיין זיין דור קוקט אויס האט ער געהאלטן אז ער איז שולדיג דערין.

דער **שפע חיים** מצאנז זצוק"ל (רעוא דרעוין ח"א נח מאמר א) ברענגט אראפ דעם מאור ושמש און ער שמועסט דאס אויס, אז נח האט געטראכט אז אויב ער וואלט געווען א צדיק אמת וואלט ער ווען משפיע געווען מאור קדושתו אויף זיין גאנצע דור אז זיי זאלן נישט נכשל ווערן מיט אזעלכע חטאים. אזוי ווי דער הייליגער **שינאווער רב** זי"ע האט אמאל געזאגט אז ביים הייליגן **חת"ם סופר** זי"ע אין ישיבה זענען געווען מערערע עלטערע בחורים, און דער חתם סופר האט אריינגעשיינט בקדושתו צו אלע אכסניות פון די בחורים אז זיי זאלן ח"ו נישט צוקומען לידי חטא ומכשול.

פון דעם האט זיך גענומען נח'ס ענוה, ווייל צוזעענדיג ווי זיין דור קומט ליידער אן אזוי נידעריג האט ער געהאלטן אז ער איז נישט קיין צדיק אמת און ער האט נישט די כח משפיע צו זיין אויף זיי קדושה, ממילא האט ער זיך א גאנצן צייט געהאלטן אין איין פארבעסערן זיינע מעשים

## ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל

מעומק ליבנו נשגר כוס של ברכה ואיחולים לרוב
לכבוד המחותן הנעלה פאר היחס הנגיד והנדיב הנודע לשם ותהילה
מגדולי תומכי המכון למורשת תורת בעל האור החיים הקדוש ודבוק בלב ונפש בלימוד והפצת תורתו
הרה"ח יהודה ווייס שליט"א
נשיא כוללנו 'כנסת ישראל' ופטרון ספה"ק 'פרי תואר'
לרגל יום שמחת ליבנו בעת נישואי בנו בכורו החתן המופלא כמר יחזקאל שרגא הי"ו
בברכה שיעלה הזיווג יפה יפה בשעה טובה ומוצלחת
דורות ישרים ומבורכים ולבנין עדי עד לתפארת בית אבות על בנים
*בחיבה של שמחה - רעים אהובים - מערכת הגליון והוצ' תורת האור החיים הקדוש*

## פניני חיים פנינים מובחרים מעובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל – לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק.** (ו, ט) "אלה" איז פוסל את הראשונים, די תורה קומט דא פסל'ען פון פריער, צו זאגן אז נח'ס צידקות איז איבערגעשטיגן אלע פון פאר אים, ווייל הגם אז אין די פריערדיגע דורות זענען געווען צדיקים - האבן זיי אבער געהאט פון וועמען זיך צו לערנען. אבער נח איז געווען אין א דור אינגאנצן פון רשעים, און ער האט נישט געהאט פון וועמען זיך צו לערנען, און אפילו אזוי איז ער געווען א צדיק.

•

**אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ.** (ו, ט) אין מדרש (ילקוט רמז מג) שטייט, ווען נח האט געזען ווי זיין גאנצע דור איז מכעיס דעם רבש"ע, האט ער געזאגט "איך גיי עוסק זיין אין פריה ורביה צו פארמערן רשעים אויף דער וועלט?!" האט ער נישט געבוירן ביז צו די 500 יאר. ווען ער איז אלט געווארן 500 יאר, האט ער געזאגט: "איך גיי גיין פון דער וועלט אן קיין קינדער? דער רבש"ע האט דאך געהייסן פרו ורבו?!" גלייך האט ער חתונה געהאט און געבוירן שם חם ויפת.

לויט דעם מדרש טייטשט זיך דער פסוק "**את האלקים התהלך נח - ויולד נח שלשה בנים**", אז נאר הערשט ווען נח האט זיך געגרייט צו גיין פון די וועלט [אזויווי אין פרשת בראשית "**ויתהלך חנוך את האלקים**" וואס מיינט אז ער איז נפטר געווארן] דעמאלט האט ער געבוירן די קינדער. און וועגן דעם שטייט "**את האלקים**" - וואס ווייזט אויף מידת הדין - ווייל ער האט דאס נאר געטון נישט געשטראפט צו ווערן פאר'ן נישט מקיים זיין דעם אויבערשטנ'ס באפעל פון "פרו ורבו".

•

**כִּי יֵצֶר לֵב הָאָדָם רַע מִנְּעֻרָיו.** (ח, כא) די משנה זאגט (ב"ק לט.) אז א "**שׁוֹר הָאִצְטָדִין**" [-וואס מ'לערנט אים אויס זיך שלאגן מיט אנדערע בעלי חיים] וואס האט נוגח געווען איז דער בעה"ב פטור, ווייל די תורה זאגט "**כי יגח**" - נאר אויב דער אקס אליינס וועט שטעכן נישט אז מ'וועט אים צוגעוואוינען צו שטעכן.

קומט די תורה דא זאגן א לימוד זכות, אז דער רבש"ע וועט מער נישט אפמעקן די מענטשן פון די וועלט, "**כי יצר לב האדם רע מנעוריו**" ווייל גלייך ביים געבוירן נאך פאר דער מענטש קען בכלל בוחר זיין צווישן גוטס און שלעכטס פירט אים שוין זיין יצר הרע צו שלעכטס. און הגם אז א מענטש שטייגט איבער א בהמה מיט דעם אז ער קען זיך אליינס פירן מיט'ן שכל הישר אויפן ריכטיגן וועג, נישט ווי א בהמה וואס איז טרענירט געווארן צו שטויסן וואס קען זיך נישט טוישן זיין מהות, אבער אויף אזויפיל טוט עס אויף מלמד זכות צו זיין אז דער רבש"ע זאל נישט אזוי כעס'ן אויפן מענטש, ווייל סוף כל סוף איז ער פון קינדוויייז אן געוואוינט צו שלעכטס - ווען ער האט נאכנישט דעם יצר טוב וואס פירט אים צו גוטס.

## הלכה ודרוש

### האיך הכניס נח את היונה בשבת ולא חש לאיסור צידה

וַיִּשְׁלַח יָדוֹ וְגוֹ' (ח, ט).

כתב רבינו: פֵּרוּשׁ, לִהְיוֹתָהּ עֲיֵפָה וִיגֵעָה כִּי לֹא מָצְאָה מָנוֹחַ וְגוֹ' וְלָזֶה חָשׁ עָלֶיהָ שֶׁמָּא אֵין לָהּ כֹּחַ לָעוּף יוֹתֵר וְתִפֹּל בַּמַּיִם וְשָׁלַח יָדוֹ חוּץ לַתֵּבָה וֶהֱבִיאָהּ אֶל הַתֵּבָה:

בספר **שפתי צדיק** עה"ת (בהערות הגאון רבי שאול משה אב"ד ויערשוב, הנדפסים בסוף הספר) כתב דלפי דברי רבינו, מיושב מה שהיה מקום להקשות דהרי יום זה שבת היה, שהרי נח המתין שבוע נוסף עד ששיגר את היונה שוב, והיה זה בשבת כפי שאומרים בזמירות לשבת 'יונה מצאה בו מנוח' [ופירשו המפרשים (עיין באמרי נועם בפרשתן, ליקוטים) דקאי על היונה ששלח נח], אם כן כיצד זה נטל נח את היונה והכניסה לתיבה והרי יש בזה איסור צידה [ועיין בדברי רבינו לעיל (ב, ט) שנח שומר שבת היה].

ולפי דברי רבינו מתורץ שפיר, דכיון דהיתה עייפה ולא יכלה להיכנס בכוחות עצמה ליכא בזה איסור צידה כיון דהוי ניצוד ועומד, וכדאמרינן בשבת (קו, ב) דכשהניצוד חולה מחמת אובצנא פטור, ופירש"י עייפות שאינו יכול לזוז ממקומו נצוד ועומד הוא. עכ"ד.

ואע"פ שרבינו כתב רק ד'חש שמא' אין לה כח ותיפול במים ולכך הכניסה, משמע שהיה נח מסופק אם יש לה כח, ואיך עבר על צידה מספק. יש לומר שניסה להתקרב אליה ולנגוע בה, וכשראה שאינה בורחת הבין בודאי שאין בה כח. ואין להקשות דיאסר מצד איסור מוקצה דבעלי חיים [לדעת רבינו (להלן יד, יח) דגם באיסורי דרבנן נזהרו האבות הק', ומסתמא גם נח], די"ל דבמקום צער בעלי חיים התירו טלטול מוקצה (עי' משנ"ב סי' ש"ה סק"ע מחלוקת הפוסקים בזה). וכמו"כ לפי תירוץ השפתי צדיק המובא בפנים, אתי שפיר.

**והשפתי צדיק** (אות כב) תירץ קושיא זו לפי דברי רבינו באופן אחר, והיינו על פי יסודו של רבינו (בפר' ויחי) שכתב לתרץ קושיית הרמב"ן האיך נשא יעקב שתי אחיות והרי האבות שמרו כל התורה, ותירץ רבינו דכיון דהם לא היו מחוייבים לקיים כל התורה הם קיבלו על עצמם כל התורה רק משום חביבות המצוות. והוי רק בגדר מצוה קיומית שאם לא יעשנה לא יקבל עונש, ולכן כשהם ראו צורך גדול ותועלת לעבור על המצווה עשו כן, והרי"ז דומה להוראת שעה של אליהו הנביא לעבור על המצווה יעו"ש. ואם כן יש לתרץ דכיון דעל השבת הוא לא היה מצווה מהקב"ה ועל שמירת הבע"ח היה מצווה, א"כ משום מצות הקב"ה שהיתה עליו חילל את השבת.

ובשפתי צדיק שם מיישב בזה גם מדוע לא היה איסור הוצאה מרשות לרשות. אמנם העיר בשם בנו דאין צריך לזה, כיון שכל העולם לא נחשב כרשות הרבים אלא היה דינו ככרמלית כדין הים הגדול ולכן יכול היה נח להכניסו מבחוץ אל התיבה, יעו"ש. ויש לדון עוד דכיון שלא היה אז בכל העולם רק נח ובניו והם יחידים, שמא אין בכלל גדר רה"ר בכהאי גוונא.

**<u>בניית התיבה בעצם יום השבת</u>**

מוסיף **השפתי צדיק**, דלפי"ז יתכן שנח היה עוסק בבניית התיבה גם בשבת קודש כיון דעל השבת לא היה מצווה ועל בניית התיבה היה מצווה.

ויש לציין דרבינו גופיה כותב יסוד זה, דמצוה שנצטוו עליה בודאי דוחה שבת שלא נצטוו עליה, בפר' תזריע (יב, ג) על הפסוק וביום השמיני ימול בשר ערלתו, ודרשו חז"ל (שבת קלב, א) אפילו בשבת, והקשה רבינו דהלא כבר אמרה תורה בפרשת לך לך כל פרטי דיני מילה, ולמה לא רשם ה' דין זה בפרשת מילה שנכתבה בפרשת לך לך.

ותירץ רבינו, וזל"ק: אין מקום שיצוה ה' לאברהם למול אפילו בשבת, כי הוא מעצמו כן יעשה, הגם שמקיים כל התורה כולה, אף על פי כן ידחה שבת מלפני מילה, כי מילה היא מצוה שנצטווה בה ושבת היא מצוה שלא נצטווה בה כל עיקר, ואם לא עשה כן הרי זה חס ושלום לא טוב עשה, ואם כן אין מקום שיצווהו ה' למול אפילו בשבת, ואם היה מצוה היו משתברים הקולמסים עליו, למה הוצרך לצוות וכו', אשר על כן הוצרך הכתוב לצוות על הדבר את בני ישראל, שישנם בשמירת שבת, עכל"ק.

## אגדה וחסידות

### המים המשיכו במצוותם גם כשבטל טעם הציווי

וַיִּזְכֹּר אֱלֹהִים אֶת נֹחַ וְאֵת כָּל הַחַיָּה וְאֶת כָּל הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר אִתּוֹ בַּתֵּבָה וַיַּעֲבֵר אֱלֹהִים רוּחַ עַל הָאָרֶץ וַיָּשֹׁכּוּ הַמָּיִם (ח, א).

כתב רבינו: וְלָזֶה תִּמְצָא שֶׁאַחַר שֶׁנִּמְחָה כָּל הַיְקוּם אָמַר הַכָּתוּב וַיִּגְבְּרוּ הַמַּיִם וְגוֹ' וְהוּא לְלֹא צֹרֶךְ כִּי כְּבָר נִמְחָה אֲפִלּוּ גָּלְמֵי הַנִּבְרָאִים, וְהַטַּעַם הוּא **כִּי הַמַּיִם הָיוּ עֲסוּקִים בְּמִצְוָתָם אֲשֶׁר גָּזַר עֲלֵיהֶם ה' וְאֵין לָהֶם לִדְרֹשׁ דְּרָשׁוֹת לִמְנֹעַ הַתִּגְבֹּרֶת אַחַר שֶׁנִּמְחָה כָּל הַיְקוּם עַד שֶׁזָּכַר ה' לְנֹחַ וְאָז צִוָּה לַמַּיִם לִהְיוֹת נָחִים מִתִּגְבָּרְתָּם.**

בספה"ק **אגרא דכלה** הביא דברי רבינו, וכתב: והנה שמח לבי בקרבי על דבריו, וטובא איכא למשמע מהדבר הזה לכל בעל נפש, דהעבד הנאמן אין לו לבקש טענה לעצמו לפטור את עצמו ממצותיו ית', הגם שידמה בדעתו וימצא איזה טעם למצוה, ולפי הטעם שמצא ימצא עת שאינו נוהג הטעם הזה, וע"י זה יבוא להפר חוקי התורה, אשר מזה נתפקרו הפילוסופים שבדו טעמים מלבם למצות הש"י, וכאשר מצא עת שאינו נוהג הטעם אשר בדו מלבם בשכלם המזוהם התירו להפר חוקי התורה, עד שיצאו מכלל כל חוקי התורה, וכאשר אירע לאפלטון ראש הפילוסופים שנתן טעם לאיסור אשת איש שיבאו בני אדם לחלאים רבים בהתערב הכחות והטבעיות של בעלי אומנות זו בבעלי אומנות אחרות וגם יבואו לקטטות ומריבות, עד שהתיר לכל בעלי אומנות אחת שיהיו להם נשותיהן בשותפות, וכן עשו בכל חוקי התורה בלאוין ועשין.

ובפרט בדורותינו בעוה"ר, אשר רבים מהערב רב שבבני עמנו חבקו חיק נכריה חכמות חיצוניות, והוציאו כל חוקי התורה בדברי הבאי עד שנתפקרו מכל חוקי התורה, ותוך עמנו הם יושבים ומכנים עצמם בשם ישראלים, לא כאלה חלק יעקב רק לעשות המצות כאשר צונו ה' אלקינו, והגם שהש"י חלק ונתן מחכמתו ליראיו וגילה להם רזי דרזין וטעמי מצותיו, עם כל זה חלילה לעשות ולתלות המצוה על הטעם שנתגלה לנו לומר הנה בעת הזאת הטעם הזה איננו נוהג אזי אפטור מהמצוה, חלילה חלילה לומר כן כי הם חכמתו של יוצר בראשית ואין סוף לחכמתו ודעתו ואם כן אין סוף לטעמים שלהם, ואם הטעם הזה שאנו משיגים אינו נוהג באיזה זמן ועת, הנה עוד לאלקי מילין וטעמים עד אין סוף וחקר, הנה בשביל כך גזרו אומר חז"ל אין טעם למצות, הגם שבודאי מצוה להמציא טעמים בפרד"ס התורה כל אחד כפי אשר חלק לו הש"י בבינה, אבל חלילה לתלות יסוד דתי המצות על הטעמים, רק לעשותן מאהבה כעבד הנאמן השש ומתעלס בקיום מצות אדוניו בלי חקירת הטעם, עיי"ש שהאריך.

ובספה"ק **אמרי יוסף** ביאר על פי דברי רבינו, מדוע הוצרך הקב"ה לצוות לנח 'צא אתה ואשתך ובניך מהתיבה", שהרי כבר ראה שחרבו המים ויכול לצאת מן התיבה. אלא התירוץ הוא, שנח לא רצה לצאת מן התיבה עד שצוה לו השי"ת, כי כוונתו היתה לקיים ציווי השי"ת בשלימות, ורצה להראות בזה שאינו עושה להנאת עצמו רק רוצה לקיים מצות השי"ת, ולא רצה להתחכם נגד ציווי השי"ת ולדרוש דרשות ולומר כיון שהטעם שציוה לו הקב"ה ליכנס לתיבה היה מפני המים וכמו שנאמר בפירוש הפסוק, א"כ עתה כיון שחרבו המים הוא כבר יכול לצאת, אלא שהוא היה עסוק במצותו לקיים גזירת השי"ת שצוה לו ליכנס לתיבה, ואמר בדעתו אולי אין רצון השי"ת עדיין שיצא, ויש עדיין בירורין שהוא צריך לברר ע"י ישיבתו שם.

ובזה הוא מפרש דברי המדרש (ב"ר לד, א) 'ה' צדיק יבחן זה נח שנאמר צא מן התיבה', ולכאורה קשה להבין איזה נסיון היה ביציאה מן התיבה, אלא הכוונה הוא, כי ע"פ דרך הטבע כאשר האדם יושב במקום אחד י"ב חודש בודאי הוא משתוקק לצאת משם, וא"כ בדרך הטבע היה נח צריך לצאת משם תיכף ומיד, אבל הוא לא רצה לצאת בעבור הנאתו ולא יצא עד שציוה לו השי"ת וכוונת המדרש דע"י יציאתו מן התיבה רק בציווי השי"ת, ע"י זה נתגלה ונבחן שכל עשייתו הוא רק לשם מצוה, יעו"ש בדבריו הנפלאים.

מתיקות ועריבות טוב התורה

מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.
להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

# אור החיים' – ספרו הקדוש על התורה

## מאמרים משובבי נפש להתלהט ולהתקדש בלימוד אור החיים הקדוש

### בית גנזי הרזים

רבדים-רבדים עשוי הספר הקדוש, כאשר הרובד העליון נחמד ונעים לכל מעיין, ותחתיו יש רבדים אינספור שאינם נגלים אלא למעיין, אם הוא ראוי לכך בדעת צלולה ובמדרגה מקודשת.

דוגמאות מופלאות לדבר, ראה ב'באר משה' (פרשת כי תבא) שהעמיס רעיון עמוק במלים בודדות שב'אור החיים' הניתנות להבנה בדרך פשוטה. וכן בספרו 'דעת משה' (פרשת לך), שביאר עומק דברי רבנו הפשוטים למעיין. ועוד ראה ב'אמרי יוסף' (פרשת ויחי) כיצד מלים פשוטות ב'אור החיים' - "ואין הדעת נוחה בזה" - זוכות לביאור בדרך הרמז והרי הן נוגעות ברזי רזים. במקום אחר (פרשת ואתחנן) כתב ב'אמרי יוסף': "מבואר ב'אור החיים' הקדוש על זה הפסוק עשרה פירושים, ויש לרמז באלו הי' פירושים של ה'אור החיים' סוד העשר ספירות", והאריך בביאורם.

בדרך דומה כתב ב'זכרון אליהו' (פרשת וארא) להרה"ק רבי אליהו מזידיטשויב זי"ע (בנו וממלא מקומו של הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשויב זי"ע) שהביא שרבנו ביאר בעשר דרכים את הפסוק הראשון שבפרשת וארא (שמות ו, ב) והעמידם כנגד עשר ספירות, ובתחילת דבריו כתב: "ובדרך זו יפורש גם כן כוונת ה'אור החיים' הקדוש בפירושו, שפירש ברזא דעשר ספירות".

מופלאים דבריו של הרה"ק רבי יצחק מבענדר זי"ע - בן הרה"ק רבי שמעון שלמה מבענדר זי"ע, בן הרה"ק רבי אריה לייב מבענדר זי"ע (אחי הרה"ק רבי משה מסאווראן זי"ע) שהיה חתן הרה"ק רבי אברהם מקאריסטשוב זי"ע, חתנו של הרה"ק רבי מנחם נחום מטשערנוביל זי"ע) - ב'בארות המים' (פרשת אחרי) אודות דברי רבנו ב'אור החיים' הקדוש על מיתת נדב ואביהוא:

"רמז הכתוב הפלאת חיבת הצדיקים, שהגם שהיו מרגישים במיתתם, לא נמנעו מקרוב לדביקות נעימות עריבות ידידות חביבות חשיקות מתיקות עד כלות נפשותם מהם", ולאחר שהקדים איזה הקדמות כתב לבאר כל תיבה שהיא מכוונת ומדוקדקת, והוסיף: "בוודאי רמז ה'אור החיים' הקדוש בכל תיבה רזין סתימין וכו' ולא לחינם האריך בז' לשונות עריבות מתיקות וכו' אך כן דרכו בקודש בכמה מקומות להזכיר בצחות לשונו הקדוש כמה שמות נרדפים בענין אחד ואין לנו עסק בנסתרות", ולאחר מכן האריך וביאר לשון רבנו שדיבר בחידות וגנז סודות טמירים בתיבותיו.

ועוד עיין וראה ב'אהלי יעקב' (פרשת צו) לכ"ק האדמו"ר רבי יעקב מהוסיאטין זצוק"ל, שהסיר את הלוט מעל תיבות פשוטות, לכאורה, בלשון רבנו, והראה כי אין זו צחות המליצה אלא כוונה עמוקה הרומזת לדברי הזוהר הקדוש. ועוד ראה ב'פני מנחם' (בהר בחוקותי תשנ"ד, סעודה שלישית ד"ה באור החיים) לכ"ק האדמו"ר רבי פנחס מנחם מגור זצוק"ל, שהטעים כוונה עמוקה באחד מחידושי רבנו. הצד השווה שבכולן, שהמעיין לומד לפי דרכו, אך מי שזוכה ומעמיק משיג את המשמעות הנעלמת, ואכמ"ל.

במשא קודש שנשא כ"ק האדמו"ר בעל ה'פני מנחם' מגור זצוק"ל (סיום סדר זרעים בתלמוד ירושלמי, תשמ"ה), ציטט מ'אור החיים' לפרשת עקב על הפסוק (דברים יא, כז) "את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה' אלקיכם אשר אנכי מצוה אתכם היום", שכתב רבנו "כי השמיעה בתורה הוא תענוג מופלא ומחיה הנפש, כאומרו 'שמוע ותחי נפשכם'", והטעים: "ידוע שכל דברי ה'אור החיים' הקדוש יש בהם עמקות. והעומק בדבריו הוא, כי האדם שאין בו דעת חושב שהאכילה והשתיה הם מחיים את הנפש, אבל זה אינו אמת, אלא התורה היא-היא הנותנת חיי נפש לאדם, חיי נפש הרוחנית שלו, וכמאמר הכתוב (ישעיה נה, ג) 'שמעו ותחי נפשכם'".

אפשר שאף לכך התכוון רבנו בהקדמתו, במלים "ומהם דרך סוד בדרך נסתר ונגלה לעיניים לו", דהיינו שדבריו נכתבו בדרך נסתרת שאינה נגלית אלא ל'בעל עיניים' המיטיבות לראות. ויש שהוא נזקק אף לרוח הקודש.

כך כתב הרה"ק רבי דוד שלמה אייבשיץ זי"ע ב'ערבי נחל' (פרשת אחרי) על הקטע הנודע ב'אור החיים' שפשטותו סתומה וחתומה: "ודבריו בלתי מושגים רק ברוח הקודש, רק תחלת דבריו הם מובנים למעיין קצת, ולכן אמרתי להסביר קצת ראש דבריו".

וב'אור התורה' (פרשת בחוקותי) להגה"ק רבי שלום תאומים זצוק"ל, כתב בראש אחד מביאוריו לדברי רבנו ב'אור החיים': "כאשר ביאר לנו שמץ מינהו רבינו הגדול בעל 'אור החיים', אשר אמיתת אור התורה הופיע עליו... ואלי דבר יגונב במעט התבוננות בדברי קדשו", וסיים: "וברוך ה' אשר האיר עינינו בתורת אמת אשר הופיע עלינו בדברי קדשו".

ב'שפתי צדיקים' (פרשת פקודי) להגה"ק רבי פנחס אבדק"ק דינאוויץ זצוק"ל (תלמידו של הרה"ק ה'אוהב ישראל' מאפטא זי"ע) הביא מדברי רבנו וקודם ביאורם כתב: "והנה להסביר דברים אלו איש לרעהו אי אפשר, כי היה צריך להגשים הדבר בכדי לשכך אוזן והיה ח"ו כמקצץ בנטיעות, ועל כזה אמרו ז"ל אין מוסרין ראשי פרקים כי אם לחכם ומבין בדעתו, היינו שיש בו רוח הקודש שהוא דבר למעלה מהטבע, ולאיש כזה אפשר להשיג הדברים על מכונם".

מפורשים הדברים ב'אור החיים' לפרשת שלח (במדבר טו, לט), שבחתימת דבריו שעל פי סוד נקט רבנו בהאי לישנא: "כידוע לרואים באור החיים", דהיינו שדברי קדשו אינם מכוונים ליודעים ובקיאים בחכמת הקבלה, אלא ל'רואים' ומשיגים השגות רוחניות במדרגות נעלות.

הוא שאמרו צדיקים, כי ככל שהם הוגים ב'אור החיים', הם מוצאים בו חידושים שלא ידעום. כך אמר הרה"ק רבי יצחק מסקווירא זי"ע, ששלושה ספרים יש שהוא מוצא בהם חידוש בכל פעם שהוא מעיין בהם - 'אור החיים' הקדוש, 'תולדות יעקב יוסף' ו'מאור עינים' (כתבי הרה"ח רבי נחום מרדכי פרום ז"ל - מחשובי חסידי סקווירא ומחנובקה, שעלה לארץ ישראל והתגורר בתל אביב, שם היה ממייסדי בית המדרש המפורסם 'יבנה' - המעיד, ששמע ממגידי אמת ששמעו מפי קדשו).

עוד אמר: "אחרי שלושת הספרים הללו, אין כבר מה לחדש" ('ילקוט מאורי אור', בשם נינו כ"ק האדמו"ר מסקווירא שליט"א, שהוסיף וביאר, כי המה כוללים את כל המובא בספרים המאוחרים להם).

ואף נכדו, כ"ק האדמו"ר רבי יעקב יוסף מסקווירא זצוק"ל היה רגיל לומר, כי מיום עמדו על דעתו הוא הוגה ב'אור החיים' הקדוש ויכול הוא להעיד, כי בכל פעם שממשמשים בו מוצאים טעם אחר ('בקדושה של מעלה' - תולדות הרה"ק מסקווירא, בעריכת הרה"ח רבי ברוך לב שיחי', מפי הגה"ח רבי יודל ליכטער שליט"א, ששמע מפי קדשו).

ברוח דברים אלו השיב פעם איש אמונו של הרבי מסקווירא, הגה"ח רבי משה ווייס ('בטלן') זצ"ל - שהיה סמל ודוגמא לחסיד הדבוק בספר 'אור החיים' - ושאלוהו מדוע אינו כותב את כל שהוא מחדש בדברי רבנו, כי יכול לכלכל ספר שלם מחידושיו, והשיב: "את 'אור החיים' הקדוש אפשר ללמוד בדרכי פרד"ס. ככל שלומדים בו פעמים רבות, חשים בכל פעם הרגשה אחרת. כיצד ניתן לבקשני שאעשה חיבור על ה'אור החיים', בשעה שלאחר זמן אני מוצא בו טעם אחר לגמרי" ---.

ועוד אמר בשם הרה"ק רבי מרדכי פייבוש מהוסיאטין זי"ע, שבכל שנה הוא מוצא פירוש חדש ב'אור החיים' (פרקי תולדות שבספר 'יד אור החיים' - בעריכת הרה"ח רבי חיים דוד באקאן שיחי' - מפי חתנו כ"ק האדמו"ר מרחמסטריווקא-ארה"ב זצ"ל).

והוא אשר אמר הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע, כי כל הספרים שחוברו בשבעים השנים האחרונות (בימיו) אינם מכוונים לאמתה הפנימית של תורה, זולת ספרי הרה"ק רבי יעקב יוסף מפולנאה זי"ע - עליהם אמר שאין כמותם בעולם - וספר 'אור החיים' הקדוש ('אמרי פנחס השלם' שער התורה אות קלג).

והוסיף הרה"ק מקאריץ: "הדברים שלי לפעמים הם יותר קרובים אל האמת מה'אור החיים'". וכן אירע שפעם אמר 'תורה' בפרשת נשא והראה מדברי רבנו ב'אור החיים' על פרשת סוטה ולאחר מכן אמר מדיליה, והפטיר: "דעתי קרובה יותר אל האמת" - ובסוד שיח צדיקים מי יעמוד.

עוד התבטא ואמר: "את הפשט ב'אור החיים' הקדוש נבין רק כאשר יבוא משיח צדקנו" --- ('דברי הר"ב', רשימות דברים מהגה"ח רבי בנימין מנדלזון גאב"ד קוממיות זצ"ל (עמוד קנד).

לבקשת רבים האבן מיר בס"ד אריינגעברענגט א נייע פרישקייט אינעם דרוקן און אינעם מפיץ צו זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזויווי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.
צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער איבערצוגעבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998
אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com
פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע די גליון, קענט איר רופין:
הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839
וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב

# האט דער אור החיים הקדוש געהאט קינדער?...

א ברייטער טעמע טוט זיך ארום צו רבינו בעל "אור החיים הקדוש" האט געהאט קינדער אדער נישט. ס'איז באקאנט אז ער האט חתונה געהאט בזיווג שני ווייל בזיווג ראשון האט ער נישט געהאט קיין קינדער, אבער מיט די צווייטע רעבעצין צו ער האט געהאט קינדער צו נישט, טוט זיך א רעדע.

אין די הסכמות פון חכמי דורו אויף זיינע הייליגע חיבורים טרעפן מיר פארשידענע אויסדרוקן ווי זיי וואונטשן אים געהאלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא, פאלגענד איז אן אויסצוג פון די הסכמה פון חכמי 'סאלי' [וואוינשטאט פון רבינו אין מאראקא] אויפן ספר "חפץ ה'" (שנת תצ"א): "...**וּמֵאֵת ה' תִּהְיֶה שְׁלֵימָה מַשְׂכֻּרְתּוֹ - הִנֵּה שְׂכָרוֹ אִתּוֹ וּפְעֻלָּתוֹ, יִרְאוּ עֵינָיו בָּנִים וּבְנֵי בָנִים, וְיִהְיוּ נְטִיעוֹתָיו כְּמוֹתוֹ עִמּוֹ אִתּוֹ בִּמְלַאכְתּוֹ מְלֶאכֶת שָׁמַיִם, כָּל הַכָּתוּב לְחַיִּים בִּירוּשָׁלַיִם, אכי"ר.**"

אזוי אויך טרעפן מיר אין די הסכמה פון חכמי הקהילה הספרדית אין אמסטערדאם פון א יאר דערויף - שנת תצ"ב - ווען די שלוחים פונעם אור החיים הקדוש האבן דארט עוסק געווען אין דרוקן זיין ספר, שרייבן אים די ארטיגע חכמים אין די הסכמה: "**יָנוּחוּ בְּרָכוֹת עַל רֹאשׁוֹ, יִרְאֶה זֶרַע יַאֲרִיךְ יָמִים קַרְנוֹ תָּרוּם בְּכָבוֹד**".

אין יאר תצ"ט, אויפן וועג ארויפגייענדיג קיין ארץ ישראל, האט דער רבי באקומען א הסכמה פון חכמי אלזשיר אויף זיין חיבור "אור החיים" וואס ער האט געהאט מיט זיך. תוך הדברים שרייבן זיי: "**וּזְכוּת הָרַבִּים יַעַזְרֵהוּ לַעֲמוֹד עַל אַדְמַת הַקּוֹדֶשׁ, וְעֵינָיו תִּרְאֶינָה יְרוּשָׁלַיִם נָוֶה שַׁאֲנָן, בִּהְיוֹתוֹ שָׁלֵם בְּתוֹרָתוֹ וּבִבְרִיאוּתוֹ וּבְכָל חֲפָצָיו הוּא וּבֵיתוֹ, וְשָׁם יִרְאֶה זֶרַע בֵּרַךְ ה' צַדִּיקִים כְּמוֹתוֹ**".

א יאר דערויף - שנת ת"ק - נעמענדיג א הסכמה אויף זיין ספר "פרי תואר" שרייבן אים די חכמי אלזשיר: "**וּלְיָ-ה תְּלוּיוֹת עֵינֵינוּ לְהַאֲרִיךְ יְמֵי מֶלֶךְ חַיִּי"ם, עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה בְּתוֹךְ אֶרֶץ הַחַיִּים, בִּבְנֵי חַיֵּי צַדִּיקִים כַּיּוֹצֵא בוֹ גִּבּוֹרִים כַּיּוֹצֵא בוֹ, עוֹשֶׁר וְכָבוֹד וְחַיִּים בְּבִרְכַּת הַמָּזוֹן דְּאוֹרַיְיתָא...**"

לעומת זה, זענען געווען אזעלכע וואס האבן געוואלט אויפווייזן אז ער האט יא געהאט קינדער, אין "**תולדות אור החיים**" ברענגט ער אז הרה"ג ר' **ראובן מרגליות** זצ"ל איז מדייק פונעם לשון אין ספר **חפץ ה'** (שבת יד) וואס דער רבי שרייבט: "**מִכַּאן נִשְׁמַט מִפְּנֵי טִרְדַּת הַזְּמַן וְהַצָּרוֹת וְהַיֶּלֶד**" אז ער האט געהאט א קינד. אבער ווארשיינליך איז דאס א טעות, ווייל דאס ווארט "**והילד**" איז א ברייט גענוצטע מליצה פון יענער צייט וואס די ראשי תיבות דערפון איז: "**וה' יאמר לצרותינו די**"...

ווידער זענען דא אזעלכע וואס ברענגען צו מפי צדיקים וחסידים, אז בנים זכרים האט דער רבי טאקע נישט געהאט, אבער טעכטער האט ער יא געהאט, ווי פאלגענד:

אין רשימות פון הרה"ק **הריי"צ מליובאוויטש** זי"ע (געברענגט אין 'התמים' חוברת ב', און אין 'אגרות קודש' חלק ג' אגרת תתי"ח) שטייט, אז ער האט געהערט פון החסיד ר' אלימלך סטאלבערג ז"ל - וועלכער האט ציטירט פאר זיין טאטן הרה"ק **הרש"ב מליובאוויטש** זי"ע, וואס ער האט געהערט זיין טאטן הרה"ק ר' **שמואל** זי"ע זאגן בזה הלשון (בהתוועדות י"ט כסלו תר"מ): "**אין גזע איז קיין חילוק ניט צו א בן צו א בת. חסידים זיינען מחנך נאר די בנים בחינוך ודרך החסידות, אויף חינוך הבנות בדרכי החסידות פארגעסט מען, און אזוי בעדארף ניט זיין. דער 'אור החיים' האט געהאט טעכטער, האט ער מיט זיי גילערינט חומש, און דאס איז דער פירוש 'אור החיים' אויף תורה...**"

דאס איז אבער א גרויסע וואונדער, קעגן דברים מפורשים וואס דער רבי אליינס שרייבט אין הקדמה צום ספר "אור החיים" וואו ס'שיינט ארויס אז דעם חיבור על התורה איז געווען זיין לעבנס וואונטש, און טאג טעגליך פלעגט ער דרש'ענען דרשות און וועלכע ער האט משלב געווען די פירושים על התורה, און יעדן פרייטאג פלעגט ער זיצן און דאס אפשרייבן עלי גליון.

נאכמער, אין יענער צייט האבן נשים בכלל נישט עוסק געווען אין תורה, און אפילו די געלערנטע פרויען האבן קוים געקענט ליינען... לייגט זיך נישט אויפן שכל אז דער רבי זאל לערנען מיט זיינע טעכטער נאכדערצו אזא חיבור ווי "**אור החיים**" וואס איז פול מיט מדרשים און מאמרי חז"ל, מיט פשטעלעך וואס גרויסע תלמידי חכמים דארפן האלטן קאפ צו פארשטיין דעם עמקות.

[ווי מיר ברענגען אין ספר "**נר מערבי**", איז באקאנט אז דער רבי פלעגט פון צייט צו צייט האלטן דרשות פאר נשים. קען זיין אז פון דעם פאקט האט זיך גענומען אזא מיינונג אז דער ספר "אור החיים" האט דער רבי געלערנט מיט זיינע טעכטער.]

אן אנדערע שמועה ווערט געברענגט אין קונטרס התולדות אינעם ספר "**יד אור החיים הקדוש**" (בעריכת הרה"ח ר' חיים דוד באקאן שיחי') בשם הגה"ח ר' **משה שלמה ווייס** זצ"ל [ר' משה 'בטלן'] אז ער האט אמאל געפרעגט הרה"ק רבי **אהרן מבעלזא** זי"ע צו ס'איז ריכטיג וואס די וועלט זאגט **אז דער אור החיים הקדוש האט אריינגעלייגט זיין גאנצער כח המוליד אינעם ספר**? האט דער בעלז'ער רב געענטפערט מיט א וואונדער: "ווי קען דאס זיין?! ס'איז דאך מקובל אז דער אור החיים הקדוש האט געהאט טעכטער?!..."

אבער אויך דער מקור זעט אויס גרונדלאז אן קיין דעקונג, אזוי ווי כ"ק מרן אדמו"ר **מסקווירא** שליט"א באצייכנט, אז ר' משה בטלן פלעגט האלטן אין איין זאגן אז דער אור החיים הקדוש האט אריינגעלייגט זיין כח המוליד אינעם ספר, לאזט זיך נישט גלייבן אז ער זאל בפירוש האבן געהערט דאס פארקערטע פון הרה"ק מבעלזא זי"ע.

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א
מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com